STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10976

DER MOLTSAYT

Leib Kvitko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. קוויטקאָ

דער מאָלצײַט

צייכענונגען

ג. אינגער

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
Montreal

מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1940.

איז דאָ אזא זיידע,
ווי ס'האָט אימ אר-שינ?
ניטאָ אזא זיידע,
אזא ווי בא אימ.

וואָס זאָל אזוי קענענ
די גײַסטער, די ערד,
אזוי מיט געשיכטעס,
מיט מי זײַנ באשווערט,

וואָס זאָל אזוי דאר זײַנ
אונ האָרעווענ הארט,
וואָס זאָל זײַנ פונ אייניק
געליבט אזוי צארט.

זײַן קאַרליקל־גערטל
איז אופגעראַמט רײן,
די היטשקעס פון קרױטן
געהאָרכזאַמע שטײ'ן.

אַזױנע געפּוצטע
װי גלאָז אין אַפּטײק. —
כאָטש ס'איז מיט די מיסטן
מיט פּײַכטע באַלײגט.

— או־שין, — זאָגט דער זײדע, —
איצט קום צו דעם ברעג...—
דעם עמער געגומען,
דעם ראָר, מ'איז אַװעק.

דער עמער איז לײדיק,
דער ראָר־שטאָק איז לאַנג, —
דעם זײדן, דעם אײניק
איז ניכע דער גאַנג,

װײַל גאָר־גאָר אײנגיכן
דערװאַרטן זײ געסט,
און אַלע אין דערפל
פאַרגרײטן דאָס בעסטס.

מע דארף א פּאָר קלינגערס, —
א יאָנטעוו וועט זײַן, —
ווײַל גאָר־גאָר אינגיכן
דער טייל קומט ארײַן.

די פּרײַנט פּארטיזאנער,
וואָס שלאָגן פּארברענט
די רויבער יאפּאָנער,
וואָס קריכן נאָך פּרעמדס.

מע שפּאנט, און דער זיידע
א מאָשל דערציילט:
איין מאָשל איז כינע
און יאפּאן געמיינט.

פון ווײַטן דערציילט זיך,
נאָר נאָענט סע צילט. —
„צום אָקס שרײַט דער אינדיק
און בלאָזט זיך און ברילט:

— פון מיסט מײַנס גייט אופעט
דער וועלט דאָך די זון.
איך בין אײַך באשאפן
אפ גוטס אײַך צו טון.

אפ וועלט דארפ איך הערשנ,
איך בינ איר באציר!
דערפאר דארפט איר אלע
זיך בוקנ פאר מיר. —

אזוי בלאָזט זיך אינדיק.
מיט בלאָזנ זיך, קינד,
מיט דעמ איז דער אינדיק
פונ לאנג שוינ בארימט.

ער לאָזט זיך צומ אָקס נאָך דער
שפּײַז אונ ער קריגט
א רוק אינ דער זײַט,
אז אינ האלדז אימ פארשטיקט.

ער שרײַט מיט א קוויטש שוינ
אונ נאָכאמאָל קריכט:
— דאָס בעסטס אונ דאָס שטארקס
אפ דער וועלט — דאָס בינ איך! —

—דאָס בעסט!—שרײַט אויס יענער,
אונ פרעמדס נאָר מע שלעפּט!
דאָס שטארקס?—איז פאר וואָס=זשע,
פונ מיר כאפּסטו קלעפּ?

די שענסטע און שטאַרקסטע
סטוסאַקעס כאַפּסט אויס,
און לאָזט מיטן בלאָזנ
דעם דיכ שיר אַרויס״.

אזוי האָט דער זיידע
זײַנ מאָשל דערציילט, —
דער אייניק, פאַרכאַפּט,
האָט קיינ וואָרט ניט פאַרפעלט.

ביז זײַנענ געקומענ
צום וואַסער צו גיינ,
פאַרשטעקט זיכ דער זיידע
דעם ראָר אינ די ציינ.

און טונקט זיכ באַלד אונטער,
אַראָפּ אפּנ דעק.
גייט אומ אפּנ וואַסער
פונ ראָר־שטאָק אנ עק.

דער באַמבוק־עק דרייט זיכ,
ווײַל אונטנ דאָרט שפּאַנט
דער זיידע, ער שפּאַנט
מיט א מעסער אינ האַנט

[illegible] פֿון [illegible],
[illegible]
און [illegible]
און [illegible]



אצווישן די שטיינער
פון גרונט און אין שליים, —
אזוי ווי דער שלייען
ער פילט זיך אינדר'היים.

ער הייבט אוף די מושלען,
דאָס פלייש שניידט ער אויס,
דאן שווימען די דעקלעך
פון וואסער ארויס.

אליין קומען דעקלעך
אפ אויבן ארויף.
דאָ שווימט אום או-שין,
וועלכער קלייבט זיי צונויף.

און פול שוין דער עמער
מיט מושלען פון גרונט.
ארויס איז דער זיידע
פון קרירע פארקרימט.

און אָנגעטאָן גיך זיך,
אוןביידע אוועק
די סכוירע פארקויפן
צום סויכער פון קנעפ.

באקומענ צום יאָנטעוו
דאָס געלט, וואָס סע פעלט.
מע גייט, אונ דער גרײַז
זײַנע מײַסעס דערציילט.

באנאכט האָט דער איינִיק
אינ שלאָפ זיכ געדרייט,
ווײַל יאפאנ, דער אינדיק,
צוקאָפּנס אימ שטייט.

אונ שטעכט אימ אונ פּיקט אימ
אונ גיסט אינ אימ גיפט.
אזוי זעט דער איינִיק
אינ כאָלעמ אונ זיפצט.

פארטאָג, הערט ער, שרײַט מענ,
סע טוט אימ א וואָרפ:
— וואָס איז? — די יאפאָנער
ארײַנ אינעמ דאָרפ.

געבונדנ די יוגנט
צום וואסער מע פירט,
מע שטעכט זיי, די וועגנ
מיט בלוט מע פארשמירט.

און דאן די יאפּאָנער
צום זיידן ארײַן.
מע טרייסלט אים: „אלטער,
א מאָלצײַט זאָל זײַן!

פון בעסטן און שענסטן
פון יעדערנס הויף
פאר אונדז, פאר די זיגער,
אהער שלעפּ צונויף.

נו, לויף און זײַ פארטיק
אין צען מינוט צײַט,
און רופ אהער נײַנצן
די כאָשעווסטע לײַט.

די גרײַזע אין יאָרן,
די שענסטע פון אײַך!
אויב מע געהאָרכט ניט —
איז קעפּן מיר גלײַך.

מיר האלטן דײַן אייניק
אלס מאשקן. ארויס!" —
מיט זיי איז דער אייניק
געבליבן אין הויז.

זיי האָבן אים קרעפּטיק
פאַרבונדן די פיס.
געשטשירעט די ציינער,
גערעדט צו אים זיס.

דערנאָך אים אין ווינקל
געגעבן א וואָרף.
דערוויַיל ברענגט מען שפּייַז,
וואָס פאַרגרייט האָט דאָס דאָרף —

ניט זיי, ניט די סאָנים.
און לייַט קומען אָן,
די גרייַז=גרויע בייַנצן,
דער זיידע אין קאָן.

ער זעט, ווי זייַן גערטל
זייַן ציכטיקס איז וויסט,
די קרויט=בלעטער שיינע —
צעריבן אפּ מיסט.

זיי שטייען באַם שטיבל,
די פּויערים=לייַט,
געבויגן פון אַרבעט,
פון דאַכקעס און צייַט.

און ווען מ׳האָט די שפּײַזן
צעשטעלט אין א קרײַז,
האָט יעדער יאַפּאָנער
געכאַפּט אזא גרײַז —

צו דר׳ערד אים געוואָרפן,
געשלאָגן ביז לעצט,
פאַרדרייט פאר א שטול
און ארויף זיך געזעצט.

און צוואַנציק יאַפּאָנער,
בא זיידעשע קעסט,—
אף פּלייצעס פון זיידעס
מע זיצט און מע פרעסט.

דער אייניק אין ווינקל,
ער ליגט און ער קוקט,
פאַרשניטן פון שטריק,
ניט צו טאָן זיך א רוק.

ער זעט, ווי פון פריילעכע
פרעסער פאַרקלעמט,
די זיידעס געבראָכן,
פאַרקוועטשט רוק און לענד.

די פענעמער פלאצן
זיי שיר פון דער פײַן,
קאפויר קוקן אויגן
מיט בלוטיקער שײַן.

נאָר אָט פון די פעלדזן,
פון הינטערן דאָרף,
א טייל פארטיזאנער
שפרינגט אוף, און א וואָרף

ער טוט זיך צום סוינע
און מאכט אים אנשטומט—
— באקומט, סאמורײַען,
אָט דאָס, וואָס אײַך קומט!

Л. КВИТКО

П И Р

Рисунки Г. Йнгер
Редактор А. Фрумкин
Корректора М. Карпинович
и А. Кантор
Техредактор М. Погостер

Сдано в набор 5/х-1940 г.
Подписано к печати 26/XI-1940
Ф. бумаги 59х84 1/16 1 1/4 п. л.
0,7 учет. изд. л
А 34080. Тираж 10.000
„Дер Эмес" № 542
Заказ типографии № 40

Нац. тип. Д. Крейнес, Вильнюс
Пол. Треста ЛССР, Вильнюс